בס"ד

# תורת אביגדור

משיעורי ליל שישי של הגה"צ רבי אביגדור מיללער זצ"ל

פרשת וארא




## צען שיעורים פון דעת השם

**אלע** טעג און נעכט פון אונזער לעבן, טרעף מיר זיך איבערזאגן נאכאמאל און נאכאמאל, אז דער באשעפער האט אונז ארויסגענומען פון מצרים, אונז וועקן מיר זיך אויף צופרי, און אונז גיי מיר שלאפן ביינאכט, מיט **אני השם אלוקיכם אשר הוצאתי אתכם מארץ מצרים**, אויך די ערשטע פון די עשרת הדברות דער יסוד פון אלעם, איז **אנכי ד' אלקיך אשר הוצאתיך מארץ מצרים מבית עבדים**, אויך ביים דאווענען האלטן מיר אין איין רעדן פון יציאת מצרים, ווען אונז באגעגען מיר דעם באשעפער אין שמונה עשרה, טו מיר אונז דאס נאר דורך סומך זיין גאולה לתפילה, נאכ'ן דערמאנען יציאת מצרים, אויך יעדן שבת יעדן יום טוב, ווען אונז זאג מיר קידוש און ביים דאווענען, און ביי אזויפיל אנדערע מצוות דערמאנען מיר דאס ארויסגיין פון מצרים, אלע טעג פון אונזער לעבן איז "זכר ליציאת מצרים", און אזוי ברויך עס צו זיין.

אבער נאר צו זאגן די ווערטער אויבערפלעכליך, אן קיין שום מחשבה, נישט קיין חילוק וויפיל מאל עס ווערט געזאגט, וועט עס נישט האבן דעם תכלית אויף וואס דער באשעפער קוקט ארויס, אונז דארף מיר איינזעהן, און אריינטעמען אין זיך, פון וואס אונז רעד מיר, ווען אונז זאג מיר די ווערטער זכר ליציאת מצרים, ער האט אונז ארויסגענומען פון מצרים.

### יציאת מצרים אָן איבערקערעניש

**אפשר** איז עס פשוט א דערמאנונג אויף אונזער באפרייאונג פון קנעכטשאפט? אויב דאס איז דאס גאנצע, דעמאלט וואלט דאס גאנצע באפרייאונג געקענט געשען עפעס אזוי, עס איז שוין איבער 210 יאר, די מצריים האבן געפערליך געפייניגט די אידן, און פרעה איז געווען פאר'עקשנ'ט נישט ארויסצולאזן פריי, און ענדליך פרעה האט געהאט א מיטינג מיט זיין קאבינעט און פלוצלינג, אין די "אלעקסאנדריען טיימס" אין די "קאיארא טריביון" איז דא "העדליינס" אויפ'ן "פראנט פעידזש" "באמבשעל ריפארט": פרעה גרייט ארויסצולאזן די עברים פריי נאך פאר סוף חודש", דער באשעפער וואלט עס געקענט מאכן געשען אויף דעם וועג, פארוואס נישט?!

דער באשעפער וואלט אונז געקענט ארויסנעמען גרינג, אין א נאטירליכע וועג, ער וואלט געקענט שיקן א חלום צו פרעה, אזוי ווי ער האט געשיקט צו לבן הארמי ווען ער איז נאכגעלאפן יעקב, אדער אזוי ווי ער האט געשיקט א חלום צום אלטן פרעה, און צום קעניג פון פלישתים אין די צייט פון אברהם אבינו און פרעה וואלט אויפגעשטאנען צופרי, און ער וואלט צאמגערופן זיינע

יועצים, און ער וואלט געזאגט, גוט א קוק, איך האב באשלאסן צו לאזן די בני ישראל גיין, און אונז וואלט מיר ארויסגעטאנצן פון מצרים מיט א אויסטערלישע שמחה, ענדליך נאך 210 יאר גיי מיר ארויס פריי פון מצרים, דאס לאנד וואס א קנעכט האט קיינמאל נישט געקענט אנטלויפן.

## עס איז אבער געווען אנדערש

**אבער** עס האט נישט פאסירט אויף דעם וועג, דער באשעפער האט אונז נישט ארויסגענומען אויף א נאטורליכן וועג, אונז האב מיר זיך נישט ארויסגעגליטשט פון מצרים אינמיטן די נאכט, און אויך האט דער באשעפער נישט געדריקט דאס הארץ פון פרעה, אונז ארויסצולאזן פריי פאר געוויסע פארשטענדליכע סיבות, אנשטאט האט דאס דער באשעפער געטון ביד חזקה, מיט זיין שטארקע ארעם, וואס דאס מיינט אז ער האט איבערגעדרייט דאס גאנצע נאטור פון אויבן אראפ פאר אונז, אין מצרים איז געווען א אויפדעקונג פון די שטארקע האנט פון באשעפער, קומענדיג אראפ, אריינזעצנדיג אויפ'ן קאפ פון די מצריים, ביז דער באשעפער האט באשלאסן אז עס איז גענוג, דער באשעפער האט הארט געמאכט דאס הארץ פון פרעה, ער האט אוועקגענומען זיין פרייע ווילן, זייער נישט קיין געוועגליכע זאך, ער האט נישט געלאזט פרעה ארויסלאזן דעם עם ישראל פריי.

פרעג מיר זיך אונז אליין: וואס איז געווען די סיבה פון די לאנגע פארצויגענע שפיל וואס דער באשעפער האט ארומגעשפילט מיט די מצריים? אויב עס איז געווען די צייט פאר די בני ישראל צו גיין, זאל עס זיין שוין, פארוואס האט הקב"ה זיך ארומגעשפילט מיט די מצריים חודש נאך חודש אנכאפנדיג זיי ביים קארג, און אריינקלאפנדיג זייער קאפ אין דער ערד נאכאמאל און נאכאמאל, בשעת די בני ישראל זענען געזיצן אין די זייט צוקוקנדיג, און ווארטנדיג מיט איינגעהאלטענע אטעם אז זייער טאג פון פרייהייט זאל ענדליך אנקומען.

## דער פשט פון חובות הלבבות

**הערט** גוט צו צום ענטפער, ווייל אויב איר פארשטייט דאס, פארשטייט איר דעם סוד וואס ליגט אין זכר ליציאת מצרים, דער **חובת הלבבות** ביים סוף פון שער הבחינה זאגט אונז, אז איינע פון די גרעסטע טובות וואס דער באשעפער געבט צום עם ישראל, איז די ניסים וואס ער באווייזט, **הגדולה שבטובות שהיטיב בהם הבורא לאדם.. הוא הראות המופתים הנוראים**, איינס פון די גרעסטע מתנות וואס דער באשעפער האט געשאנקען פאר אונז איז די טויש פון נאטורליכן גאנג, די אויפדעקונג פון זיינע אויסטערלישע וואונדער, און פארוואס איז עס אזא גרויסע מתנה? איז דער חובת הלבבות מסביר: דער באשעפער ווייזט אונז זיין יד הגדולה זיין גרויסע האנט כדי אונז זאל מיר ווערן אויפמערקזאם פון זיין אויסטערלישע כח און בעלות (קאנטראל) איבער אלעם אין די וועלט, און אונז קען מיר דורך דעם דערגרייכן קלאר צו פארשטיין כי השם הוא האלקים אין עוד מלבדו, אז דער באשעפער דער גאט פון די אידן איז די איינציגסטע כח אין די וועלט, און עס איז גארנישט דא אויסער אים.

איר הערט דעם חידוש? א נס איז א מתנה, אבער נישט די פרייהייט איז די מתנה, אסאך מער ווערדפולע מתנה, די מתנה פון אויפמערקזאמקייט פון באשעפער, מענטשן פארשטייען דאס נישט, מענטשן טראכטן אז א נס איז נאר, אז איך בין געווען אין א פראבלעם, און נאכדעם איז דער באשעפער געקומען, און ער האט מיך געראטעוועט פון מיינע פראבלעמען, ניין, דאס איז א טעות, עס איז א מיספארשטענדעניש וואס א נס איז, דער באשעפער וואלט דיך געקענט ראטעווען

מיט אנדערע מער נאטורליכע וועגן אן באווייזן א נס, וואס איז באמת א נס א מתנה פון אמונה, א שאס אין די האנט פון אויפמערקזאמקייט פון באשעפער, א נס איז א גענצליכע אבזערווירענדע איבערצייגונג, וואס פארזיכערט די עקזיסטענץ פון באשעפער אין די וועלט, דו וואלסט געוואלט זיין א עקשן, א פארהארטעוועטע מויל אייזל (פרידה), אבער דו קענסט דיר נישט העלפן ווען דו זעסט דעם באשעפער, א נס איז א איוסערגעווענליכע גילוי שכינה, א איוסערגעווענליכע אויפדעקונג פון באשעפער, וואס איז געשיקט געווארן אז עס זאל אריינברענגען אין אונזער מחשבה זיין איוסטערלישע כח און קאנטראל.

## די ניסים פון יציאת מצרים

**און** דאס איז די סיבה פארוואס דער באשעפער האט אונז ארויסגענומען פון מצרים מיט זיין שטארקע האנט, ער האט אונז געוואלט געבן די מתנה פון אמונה אונז זאל מיר אים קענען, און דער באשעפער זאגט עס קלאר ארויס אנפאנג פון די וואכעדיגע סדרה, **אני השם** איך בין דער באשעפער און ווי אזוי וועט איר וויסן, **והוצאתי אתכם מתחת סבלות מצרים... בזרוע נטויה ובשפטים גדולים** איך וועל ענק ארויסנעמען פון אונטער די שווערע לאסט פון די מצריים, מיט א איוסגעשטרעקטע האנט, און מיט גרויסע דינים פאר די מצריים, און דורכדעם **וידעתם כי אני השם אלוקיכם** וועט איר אמת'דיג וויסן אז איך בין אייער באשעפער.

**דער** באשעפער זאגט פאר די אידן איך נעם אייך ארויס פון מצרים מיט מיין שטארקע האנט נאר ווייל איך וויל איר זאלט זעהן מיין שטארקע האנט, איי וועט איר מיר זאגן מיר ווייסן שוין, ניין, ניין, איך גיי אייך ארויסנעמען אויף אזא וועג אז איר וועט מיך אמת'דיג קענען פאר אייביג **אני השם אלוקיכם אשר הוצאתי אתכם מארץ מצרים להיות לכם לאלקים**, (איך בין אייער באשעפער וואס האט אייך ארויסגענומען פון מצרים, צו זיין צו אייך צו א גאט), איר האט נישט קיין אהנונג וואס איז געווארן דורכגעפירט ביי יעדע מכה, יעדע מכה איז געווען נאך א שיעור אין דעת השם קענען דעם באשעפער, אזוי ווי עס שטייט אין פסוק ביי די מכות **וידעו מצרים כי אני השם**, און די מצריים וועלן וויסן אז איך בין דער באשעפער און אויב די מצריים האבן געזען, האבן די אידן געזען טויזנט מאל מער און וועגן דעם לייגען מיר אין די תורה, נאכאמאל און נאכאמאל **ואני אקשה את לב פרעה**, און איך וועל הארט מאכן די הארץ פון פרעה, די גרויסע פרינציפ ווי אזוי די וועלט ארבעט מיט בחירה, אז א מענטש קען זיך אויסוועלן צו זיין גוט אדער שלעכט, האט דער באשעפער אוועקגענומען, פארוואס **והרביתי את אותותי ואת מופתי בארץ מצרים**, ווייל אזוי וועל איך קענען ווייזן מיין כח, די גרויסע געשעענישן אין מצרים איז געווען געצילט פאר די גרויסקייט פון די אידן.

דורכדעם וואס זיי האבן צוגעזען די ניסים האבן זיי אנערקענט אז דער באשעפער איז דער גאט פון די אידן, און איז אין פולן קאנטראל פון די גאנצע נאטור, וואס ער מאניפולירט נאר פאר'ן וואוילזיין פון זיינע מענטשן.

## די מתנה איז נישט געגאנגען לאיבוד

**און** די מתנה פון באשעפער איז נישט פארלוירן געגאנגען, ווען די אידן האבן געזען די האנט פון באשעפער נאכאמאל, און נאכאמאל, זענען זיי נישט געבליבן פאסיוו, זיי זענען געווארן ווילד מיט עקסטאז, און משוגע מיט אמונה, און אנגעפילט מיט ליבשאפט צום באשעפער, די אידן האבן שפאצירט אין די גאסן צוזעענדיג וויאזוי דער באשעפער שפילט מיט די הילפלאזע מצריים, אשר

התעללתי במצרים, איך האב געשפעט אין די מצריים, ווייזנדיג פאר אונז א ספעקטאל פון אמונה, און אונז האב מיר דאס צוגעקוקט מיט עקסטאז און געזען דעם באשעפער אויף יעדן טריט.

ווען דער באשעפער וואלט נישט הארט געמאכט דאס הארץ פון פרעה, און ער וואלט סתם אזוי, ארויסגעלאזט די אידן פון מצרים, אוודאי וואלטן די אידן ארויסגעגאנגען אויסער זיך פון פרייד, אבער דאס איז נישט געווען דא דער עיקר ציל, דער באשעפער האט געוואלט אונז זאל מיר זיין אויסער זיך אבער נישט נאר וועגן די פרייהייט נאר מער וויכטיגער, צו זיין אויסער זיך מיט אמונה און אנערקענען דעם באשעפער, און דאס איז די סיבה פארוואס דער באשעפער האט באפרייט די אידן נאר נאך די צען לאנגע מכות, צען לאנגע שיעורים אין דעת השם, קענען דעם באשעפער.

## די באשרייבונג פון איינע פין די חכמי מצרים

**ויהי דם בכל ארץ מצרים** און עס איז געווען בלוט אין גאנץ מצרים, איר ווייסט וואס ליגט אין די פאר ווערטער? איר ווייסט וואס דאס האט געמיינט פאר מצרים? אלע וואסער איז בלוט, דאס גאנצע לאנד איז צופארן, פונעם בוך Ipuwer Papyrus וואס איז פארפאסט געווארן דורך איינע פון די דעמאלטדיגע עגיפטישע חכמים  וואס ער באשרייבט מכת דם וואס ער האט אליינס צוגעזען מיט זיינע אויגן, קען מיר זיך פארשטעלן וואס פארא איבערקערעניש דארט איז געווען, "דער טייך איז בלוט... בלוט איז איבעראל... מענטשן גייען איין ווייל זיי עקלען זיך צו קאסטן דאס וואסער... דאס איז אונזער וואסער... וואס זאלן מיר טון?... אלעס גייט צוגרינד". די געוואלדיגע ברכה וואס דער נילוס האט געהאט, וואס האט אלץ געברענגט פרייד פאר'ן לאנד, איז יעצט געווארן א קללה, די געבענטשטע וואסער פון לעבן, וואס איז געפלאסן טאג און נאכט איז געווארן א אומדערטרעגליכער פראבלעם.

דער איד האט זיך צוגעקוקט ווי אזוי זיין עגיפטישער שכן רוקט זיך אוועק און ווערט שוואך ווען ער קוקט און שמעקט דעם קראנקן רויטן טייך, די אלע אייגן געמאכטע טייכן וואס די מצריים האבן געצויגן פונעם נילוס, צו זייערע גערטנער און הייזער, האט ארויפגעברענגט א וואלקן פון א געפערליכן גערוך, די עגיפטער האבן פארלוירן יעדן מין אפעטיט און האבן פארברענגט טאג און נאכט, מיט ברעכרייץ און ברעכן, ביים זען און שמעקן, דעם געפערליכן טייך, דאס נארמאלע לעבן אין מצרים איז געקומען צו א שטילקייט, און די ערשטע מאל אין די היסטאריע פון דעם רייכן לאנד, איז דורשט געווארן א הויפט פראבלעם, איבעראל זענען די קראנקע און עלטערע געלעגן טויט, און דאס פאלק די בעלי בתים פון קנעכט האבן געקרעכצט, אין טיפעניש פון פארלוירנקייט.

## אמונה איז נישט א נאמען אין סידור

**און** די אידן האבן געקוקט מיט ברייטע אפענע אויגן, זיי האבן יעצט געזען מיט זייערע אויגן די האנט פון באשעפער, די אמונה איז יעצט נישט געווען ביי זיי ווי א געדאנק אין קאפ, עפעס א שוואכע שיין פון גלייבן אין באשעפער, עפעס א נאמען אין סידור, ניין עס איז געווען אמת-עכט, דער באשעפער האט ארויסגעוויזן ווי ער נעמט זיך אן פאר זיי, מיט ווינדער האט ער איבערגעדרייט די נאטור, זיי האבן געזען דעם באשעפער מיט זייערע פליישיגע אויגן.

דער איד האט ארויסגעקוקט פון פענסטער און ער זעט גרויסע גרופעס פון קרעכצעדיגע מצריים נעמען זיך צוזאם ביים ברעג פונעם נילוס און זיי באטראכטן דערשראקן און פארעקלט אויף די פליסיגע פלייץ פון בלוט אויפ'ן זעלבן פלאץ וואס פריער איז געלאפן פרישע וואסער, אין די פעלדער זעען זיי עלנדע מצריים קריכן אויפ'ן בויך פאר'חלש'ט, און זיי גרובן אין דער ערד, מיט זייערע פשוט'ע הענט, האפנדיג אפשר וועלן זיי טרעפן א קוואל, און דער באשעפער וויבאלד ער האט געזען אז דער איד קוקט זיך צו, האט ער זיך ארומגעשפילט מיט'ן מצרי אזוי וועט דער איד באקומען מער אמונה, ווען דער מצרי נאך שעות גראבן האט געטראפן אביסל וואסער, און פארחלש'טערהייט צוגעברענגט דאס גלעזל צו זיינע ליפן, און דער איד קוקט זיך צו וויאזוי דאס וואסער ווערט איבערגעדרייט צו בלוט ווען עס גיסט זיך אריין אין זיין מויל, און דער איד איז געווארן איבערראשט פון די גרויסקייט, און דער פסוק וידעתם כי אני השם אלקיכם איז אויסגעפירט געווארן אויפ'ן העכסטן פארנעם.

און ווען דער ערשטער שיעור פון אמונה אין באשעפער איז ענדליך געקומען צו א סוף, זענען די אידן געוואקסן אין אמונה און זיי זענען געווען אויסער זיך פאר שמחה און נישט סתם פרייליך פון גארנישט, פון וואס מענטשן ווערן היינט פרייליך זיי זענען געווען פרייליך וועגן דעם באשעפער, און יעצט מיט זייער ניי געטראפענע אמונה, זענען זיי געווען גרייט ארויסצוגיין פון מצרים.

## נישט געווען גענוג איין שיעור

**ניין**, ניין, זיי זענען נאכנישט געווען גרייט, די ערשטע מכה איז נאר געווען די ערשטע שיעור פון א פולע יאר פון געוואלדיגע לערנונג פון אני ד' אלוקיכם, די אידן גייען באקומען צען שיעורים צען קלאסן פון דעת השם, פונעם בעסטן רבי'ן אין די וועלט, עס איז געווען צעהן שיעורים ווי די בני ישראל זענען געווארן מער און מער איפמערקזאם פון השם אלקי ישראל וואס האט זיי באשיצט.

די קוואליטעט פון אמונה איז נישט נאר א סטעיטמענט פון גלייבן, גרייט זיך איינצושרייבן צו עפעס א "קאנסעפט", איר שרייבט נישט העכער א געפינטעלטע שורה "איך גלייב" און איר זענט פארטיג.

## מער ווי יעדע פאך אין די וועלט

**איר** ווייסט אויב איר ווילט זיין א אקאונטענט אדער א פלאמבער, קענט איר נישט סתם אזוי אונטערשרייבן העכער די געפינטעלטע שורה "איך בין גרייט צו זיין א פלאמבער", איר גייט נישט סתם אזוי א חודש אין סקול זיך צו לערנען און איר זענט פארטיג, פלאמבינג איז א פאך, עס נעמט צייט און כח צו לערנען, אמונה וואס אונז רופ מיר דעת השם איז א פאך וואס איז טויזנט מאל מער וויכטיגער ווי יעדע פאך אין די וועלט.

די קוואליטעט פון אמונה איז מער טיפער ווי סתם מסכים זיין צו עפעס, עס איז א אוצר פון אויפמערקזאמקייט וואס קען האלטן אין איין וואקסן מיט אומבאגרעניצטע פארשריט, און יעדע טריט פאראויס איז א גרויסע דערגרייכונג.

## צו באשטעלן ביי אונז
## קונטרסים גליונות פאר:

שבת באווארפן / שבת שבע ברכות,
שבת התוועדות, אא"וו.

מיט די תפילות, קריאת התורה,
זמירות און ברהמ"ז

**לויט אייער פארלאנג,**

פארבינדט אייך מיט אונז ווי פריער אין וואך

615.680.9029
gilyonosshabbos@gmail.com

**ליינט די גליון יעדע
וואך אין די קונטרס
"גליונות לשב"ק",**



# איר ווילט אוודאי אריינגיסן חיות אין הינדערטער מענטשען

מיט אפאר דאללאר

# רופט אריין צו אויסקלויבן אייער וואך

רופט: 845-213-7571

די קונטרס ווערט פארשפרייט אין וויליאמסבורג אין עטליכע גרעסער שוהל'ן
אויב איר ווילט באצאלן פאר נאך רופט די אויבן דערמאנטע נאמבער

## נדבת השבוע

פ' וארא נתנדב ע"י

נדבן חשוב לרגל נישואי בנו

החתן יהושע נחמן בן נעכא לאה עב"ג שתחי'

יהי רצון שיזכו לבנות בית נאמן בישראל עם כל טוב סלה

לע"נ חיים אברהם יצחק בן יחיאל ע"ה
ולע"נ פיגא נעכא ב"ר ישראל ע"ה
ולרפואת יוסף דוב בער בן פיגא נעכא

# די חשיבות פון די ערשטע ברכה פון שמונה עשרה

## שאלה:

**די הלכה איז, אויב מען האט אינזין געהאט די ערשטע ברכה פון שמונה עשרה איז מען יוצא, אויב אבער מען האט אינזין געהאט ביי אלע ברכות און ביי די ערשטע ברכה נישט, איז מען נישט יוצא, וואס איז די טעם אז די ערשטע ברכה האט אזא חשיבות.**

## תשובה:

**וואס** איז די וויכטיגקייט פון די ערשטע ברכה אז די הצלחה פון שמונה עשרה ווענדט זיך בעיקר אין די ערשטע ברכה, די ערשטע ברכה איז אנערקענונג פון אונזערע גרויסע ביישפילן, אברהם יצחק און יעקב, אונז דארף מיר אנערקענען אז אונזערע לעבנס איז געבויט - זאל זיין געבויט - אויף וואס די גרויסע מענטשן האבן אונז געגעבן אלס ביישפילן נאכצוגיין, דער **רמב"ם** זאגט אין זיין מורה נבוכים (הקדמה) יעדע גוטע זאך וואס איז געשען צו אונז, אדער וואס גייט געשען, איז נאר וועגן די זכות פון אונזערע אבות.

**אונז** דארף מיר באדאנקן אונזערע אבות, אונז דארף מיר זיי לערנען, אונז דארף מיר לערנען זייערע לעבנס און פרובירן זיי נאכמאכן, אונז דארף מיר זיין דאנקבאר פאר זיי אויף וואס זיי האבן געטון פאר אונז, פאר'ן זיך אהערשטעלן אלס ביישפילן פון מאכטפולע איבערגעגעבנקייט צום באשעפער, און וועגן דעם איז די ערשטע ברכה אלוקינו ואלוקי אבותינו, דו באשעפער ביזט דער וואס האט אזוי שטארק ליב געהאט אונזערע אבות, דער באשעפער זאגט, איך האב ליב אייערע עלטערן, מער פון יעדע זאך וואס איז דא אין די וועלט, **הן לה' אלוקיך השמים ושמי השמים הארץ וכל אשר בה** (דברים י' - י"ד), פאר'ן באשעפער באלאנגט די הימלען און העכער די הימלען, די ערד און אלעס וואס איז אין איר, אבער **רק באבותיך חשק ה' לאהבה אותם**, נאר אין דיינע עלטערן האט דער באשעפער געגליסט זיי ליב צו האבן, דאס איז א אויסטערלישע פראזע, דאס איז אויסטערליש, דער באשעפער האט ליב אונזערע עלטערן זייער שטארק, **ויבחר בזרעם אחריהם בכם מכל העמים כהיום הזה**, און דער באשעפער האט אונז אויסגעוועלט ביזן היינטיגן טאג וועגן די גרויסקייט פון אברהם יצחק און יעקב, וועגן דעם בעט מיר אונז צום באשעפער אין די זכות פון אונזערע אבות, וואס אונז וויל מיר נאכגיין און וואס אונז וויל מיר נאכטון, ביטע באשעפער, ביטע הער צו, צו די תפילות וואס אונז גיי מיר זאגן אין די קומענדיגע ברכות פון שמונה עשרה.

**שאלות און תשובות**
מיט
ר' אביגדור מיללער זצ"ל

בקשה שלא לעיין בשעת התפלה

מהדורת אחת שאלתי
כל הזכיות שמורות